# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת אמור תשפ"ה שנה י | גליון מס' 581



בני אמונים
מתחזקים בענייני אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל פון תפילה אין די פרשה

### פון די העכסטע שטאפל צו די נידריגסטע

"קְדֹשִׁים יִהְיוּ לֵאלֹקֵיהֶם וְלֹא יְחַלְּלוּ שֵׁם אֱלֹקֵיהֶם כִּי אֶת אִשֵּׁי ה' לֶחֶם אֱלֹקֵיהֶם הֵם מַקְרִיבִם וְהָיוּ קֹדֶשׁ" (כא ו)

**רבי יעקב ניימאן** ראש ישיבת 'אור ישראל' וואונדערט זיך:

נאך וואס די תורה האט באפוילן די כהנים זיי זאלן זיין מער הייליג פון אלע אידן, פארוואס דארף מען זיי זאגן זיי נישט אראפ פאלן צו די נידריגסטע מדריגה?

נאר, ענטפערט רבי יעקב, פון דא לערנען מיר א גרויסער כלל. אין עבודת ה' איז נישט פארהאן קיין באגריף פון 'אינמיטן', א מענטש קען זיין איינס פון די צוויי: "קדוש לאלוקיו" אדער "מחלל שם אלוקיו"! אזוי ווי מיר קענען זיך איבערצייגן ביי די פרשה פון "והיה אם שמוע", באלד נאך די ציווי פון "וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם", שטייט: "הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים" (דברים יא' יג-טז).

ווען מיר דעם האבן די חכמים מתקן געווען צו ליינען יום כיפור ביי מנחה די פרשה פון עריות. די תקנה קומט דערמאנען יעדן מענטש, ריכטיג טאקע אז אין בעפארברייטונג צו די ענדע פון דעם טאג געפינט ער זיך 'יעצט אין זייער א הויכע מדריגה, אבער אויב מיר וועלן נישט אכטונג געבן מיר זאלן בלייבן א גאנץ יאר אין די מדריגה, קען מען זייער שנעל צוקומען צו די נידריגסטע מדריגה און נכשל ווערן אין די הארבסטע עבירות רחמנא ליצלן.

'דרכי מוסר'

## קול אמונים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### כבוד אדער שאנד?

ערב שבת קודש געפאלט אויס די הייליגע טאג ל"ג בעומר, און פון אתרא קדישא מירון און פון איבעראל וועלן די תפילות און די התעוררות ארויפגיין אין הימל מיט א פלאם פייער.

אין דעם טאג דארפן מיר כאפן א בליק אויף די ווערטער פון זוהר הק' איבער די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן. "אמן, כללא דכולא! קיומא דכולהו!" - רופט אויס דער זוהר הקדוש (וילך רפה ב). אמן איז כולל אלע סודות און איז מקיים אלע עולמות. דאס איז די סוד פון די בריאה און דער יסוד פון אלע עולמות. מעגן מיר דען גרינגשעצן אין ענטפערן אמן?!

נאך אנטפלעקט רבי שמעון אין זיין ספר הזוהר (שם), אז דער פסוק (שמואל א ב ל): "כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד וּבֹזַי יֵקָלּוּ" איז געזאגט געווארן אויף ענטפערן אמן, און דאס זענען זיינע ווערטער: "דער וואס ענטפערט אמן ווי עס דארף צו זיין איז מכבד הקב"ה, און אויף אים רופט ער אויס: 'כי מכבדי אכבד'! פון די צווייטע זייט, אויף דער וואס טוט גרינגשעצן אין ענטפערן אמן, זאגט הקב"ה: "ובוזי יקלו"!" מורא'דיגע ווערטער פאר דער וואס טראכט אריין!

מיט דעם וואס מיר זענען מקפיד ענטפערן אמן זענען מיר מכבד און מקדש שם שמים, און מקיים להלכה למעשה די מצוה וואס שטייט אין אונזער פרשה (ויקרא כב לב): "וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל".

דער כח צו איסוועלן אין כבוד אדער אין שאנד חלילה, איז געגעבן געווארן אין די האנט פון יעדן איינעם. מיר וועלן אויפשטייין יעדן אינדערפרי מכבד זיין הקב"ה דורכ'ן ענטפערן אמן נאך די ברכות פון די מתפללים, און מיר וועלן זוכה זיין אז אויף אונז וועט געזאגט ווערן דעם פסוק: "כי מכבדי אכבד".

**מיט א רוף "ענני באמת ישעך!"**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

## דער וואס איז זיך מתוודה אין 'תשיעי' איז עס ווי ער איז זיך מתוודה אין 'עשירי'

"שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן הוּא לָכֶם וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ בָּעֶרֶב מֵעֶרֶב עַד עֶרֶב תִּשְׁבְּתוּ שַׁבַּתְּכֶם" (כג לב)

אויפן פסוק: "וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ", פרעגט די גמרא (יומא פא ב): "וכי בתשעה מתענים? והלא בעשרה מתענים? אלא לומר לך: כל האוכל ושותה בתשיעי - מעלה עליו הכתוב כאילו מתענה תשיעי ועשירי".

דארף מען פארשטיין וואס איז די כוונה פון "כאילו מתענה... ועשירי", מיר פאסטן דאך באמת אין דעם צענטן טאג?

ערקלערט דער **'שפת אמת'** אז די גמרא וויל אונז לאזן הערן אז עסן אין תשיעי איז אזוי גרויס, אז דאס אליין ווערט גערעכנט ווי ער וואלט געפאסט צוויי טעג - "תשיעי ועשירי".

מיט דעם קען מען פארשטיין די תקנת חז"ל (יומא פז ב) אז מיר זענען זיך מתוודה ביי מנחה פון ערב יום כיפור, צוליב דער חשש טאמער ער וועט ווערן שיכור ביי די סעודה המפסקת און וועט זיך נישט קענען מתוודה זיין אין יום כיפור. אבער לכאורה וואס וועט מען האבן פון דעם וידוי אין 'תשיעי', מיר זענען דאך באפוילן געווארן זיך מתוודה זיין אין 'עשירי' (זעה אין ספר החינוך מצוה שסד) וועט דען נוצן מקיים זיין א מצוה פריער?

אבער, לויט וואס מיר האבן פריער געזאגט, אז דאס עסן ערב יוה"כ ווערט גערעכנט ווי א תענית פון 'עשירי', איז אויך דער וידוי וואס ווערט געזאגט ביי מנחה פון 'תשיעי', איז עס ווי א ווידוי פון 'עשירי'.

'שפת אמת' יומא פא

# — די 'אמן' וואס האט אראפגעוואויגן די וואג-שאל —

דעם קומענדיגן מיטוואך הבעל"ט, כ"ג אייר תשפ"ה, וועט זיין דריי יאר זינט די פטירה פון הגאון רבי שמחה הכהן קוק זצ"ל דער רב פון רחובות.

**אין א רעדע וואס ער האט געהאלטן ביי א 'בני אמונים' צוזאמקום פאר ארום צען יאר אין בני ברק, האט דער רב דערציילט א שטורעמישער ערציילונג איבער דעם כח פון אמן, וואס ער האט דאס געהערט פון הרב פראפעסאר אברהם סופר - אברהם מחבר ספר 'נשמת אברהם', וואס האט געדינט אלס אפטיילונג-פארוואלטער אין די 'שערי צדק' שפיטאל.**

**איך האב מיך געטראפן שטיין אין בית דין של מעלה. די בי"ד האבן געשמועסט צווישן זיך. איך האב צוגעלייגט מיין אויער און איך האב פארשטאנען אז זיי רעדן פון מיר:**



דער גאון רבי שמחה הכהן קוק זצ"ל אין זיין רעדע ביי א 'בני אמונים' צוזאמקום

אין טאג איז אריינגעברענגט געווארן אין די אפטיילונג א עלטערער איד וואס האט געליטן פון א לונגען-אנטצינדונג באגלייט מיט גאר הויכע היץ. זיין געזונט צושטאנד האט ערוועקט גרויס זארג, ווייל אזא אנטצינדונג - איבערהויפט אין אזא עלטער - האט זייער שנעל געקענט ווערן א לעבנ'ס געפאר.

דער שטאב דאקטורים אין שפיץ פון דעם פראפעסאר האבן זיך געאיילט אים צו געגעבן שטארקע אנטיביאטיק'ס כדי עס זיך זאלן פארבעסערן זיין צושטאנד. בחסדי שמים, ביז געציילטע טעג האט זיך שוין דערקענט א פארבעסערונג. די דאקטורים האבן שוין געטראכט פון די צייט וואס מען וועט אים קענען באפרייען צו זיין הויז ווי דארט וועט ער זיך אינגאנצן ערהוילן.

צוויי טעג זענען פארביי, און צו אלעמענס ווייטאג איז די היץ ארויף, און די דאקטורים האבן צוריק אנגעהויבן געבן אנטיביאטיק. עס זענען פארריבער נאך עטליכע טעג און זיין מצב האט זיך ווידער סטאביליזירט: די היץ איז אראפ, און עס האט אויסגעזען ווי דער פאציענט הייבט זיך אן צו ערהוילן. אבער אויך דאס מאל, איז די היץ ווידער ארויף, נאך שווערער ווי פריער.

דער צושטאנד האט אנגעהויבן צו דערשרעקן. עס האט אויסגעזען אז די געוועינליכע באהאנדלונג נוצט נישט, און עס פעלט אויס צו געבן א שטערקערע מעדיצין, אבער ווייל דאס איז געווען פארבינדן מיט פארשידענע נישט גוטע נאכווייען, און אויך א געוויסע לעבנ'ס געפאר, דערפאר האבן די דאקטורים באשלאסן צו ווארטן אביסל.

דערווייל איז זיין צושטאנד שטארק פארערגערט געווארן. ער האט פארלוירן זיין באוואוסטזיין און זיין לעבן איז געווען אין א געפאר. די דאקטורים האבן באלד אנגעהויבן די באהאנדלונג, ווען די משפחה מיטגלידער קוקן צו מיט גרויס זארג.

מיט סייעתא דשמיא, האט די נייע מעדיצין געווירקט. עס זענען אדורך עטליכע טעג, און ער האט געעפנט זיינע אויגן און זיך ארומגעקוקט. פון די פנימ'ער פון זיין פאמיליע האט ער פארשטאנען ווי שווער איז געווען זיין מצב. באלד ווען ער האט נאר געהאט כח צו רעדן, האט ער דערציילט זיין אונדערליכן ערציילונג:

'איך האב מיך געטראפן שטיין אין בית דין של מעלה. די בי"ד האבן געשמועסט צווישן זיך. איך האב צוגעלייגט מיין אויער און איך האב פארשטאנען אז זיי רעדן פון מיר: זיי האבן גערעדט צי מען זאל מיך געבן די געלעגנהייט צוריק גיין צו דער וועלט אדער נישט. פון איין זייט זענען געשטאנען די מקטרגים, און פון דער צווייטער די סניגורים, אין ענדע האט אויסגעזען אז די האנט פון די מקטרגים שטארקט זיך, און זיי באשליסן איך זאל שוין פארענדיגן מיין לעבן אויף דער וועלט.

אבער דאן האט זיך פלוצים געהערט פון ערגעץ א שטימע וואס איז מיר געווען זייער באקאנט. אין דער ערשטער מינוט האב איך נישט געקענט אויפכאפן פון וואו איז די שטימע מיר באקאנט, אבער נאך א שטיק צייט האב איך זיך דערמאנט. דאס איז געווען דער קול פון דער רב פון די שול וואו איך דאווען אין לויף פון די לעצטע דרייסיג יאר, איך האב ווידער צוגעלייגט מיין אויער און געהערט וואס ער טענה'עט:

'שמעו נא רבותי, דיינים מומחים; די לעצטע דרייסיג יאר בין איך דער רב אין דער שול וואו דער געאורטע'לטער דאווענט, און איך זאג עדות אז אין די אלע יארן האט ער קיינמאל נישט פארפעלט דעם קביעות'דיגן שיעור וואס קומט פאר יעדן טאג פאר תפילת שחרית'. זעענדיג אז זיינע ווערטער העלפן נישט, האט דער רב ווידער געזאגט: 'איך זאג עדות אויף אים אז אין די אלע יארן האט ער קיינמאל נישט גערעדט לשון הרע אויף אנדערע'. ווען די ווערטער זענען נישט נישט אנגענומען געווארן, האט דער רב צוגעלייגט:

'אין די דרייסיג יאר האט ער קיינמאל נישט פארשפעטיגט, אפילו איינמאל אויך נישט, צום דאווענען, יעדן אינדערפרי קומט ער פרי און הערט זיך צו צו די ברכות השחר פון די מתפללים, און האט אויך נאכגעשלעפט אנדערע אזוי זיך צו פירן, און אלע רופן אן די שול 'די שול פון די וואס ענטפערן אמן'.

הערנדיג די ווערטער, האט דער בית דין מבטל געווען דעם גזר דין. אין דעם מאמענט האב איך געעפנט מיינע אויגן, און דא שטיי איך פאר אייך מיטן אויבערשטנ'ס הילף, געזונט און שטארק', האט דער אלטער געענדיגט זיין ערציילונג.

דער פראפעסאר האט שפעטער זיי געזאגט: 'פאר מיר קומט נישט קיין דאנק! נאר פארן אויבערשטן קומט א דאנק! עס האט דא פאסירט א אפענעם נס!'.

"די ערציילונג האט מיך זייער איבערגענומען", האט הרב קוק געענדיגט זיינע ווערטער, "איבערהויפט ווייל איך האב מיך דערמאנט די באקאנטע ווערטער פון מרן ה'חפץ חיים' אין זיין הקדמה צו זיין ספר 'שמירת הלשון', וואס ענטפערט אויף די וואונדער פון אסאך פארוואס די פיל תפילות וואס די מיליאנען אידן דאווענען אין לויף פון טויזנטער יארן אויף די אויפבוי פון די בית המקדש זענען נאכנישט אנגענומען געווארן, די ענטפער אויף דעם איז פשוט: ווען א מענטש רעדט לשון הרע ווערט זיין מויל פארשמירט, און די תפילות וואס קומען ארויס פון אזא מויל איז זייער כח באגרעניצט".

"ביי די מעשה וואס האט פאסירט מיט דעם טייערן איד", האט הרב קוק אויסגעפירט, "האב איך געזען א קלארע שילדערונג צו די ווערטער פון 'חפץ חיים'":

נאכן זאגן אלע טענות וואס האבן נישט געהאלפן, זענען פלוצלינג געקומען צו פליהען צוויי גרינגע מצוות וואס זענען אנגעהאנגען אין די מויל - ענטפערן אמן נאך ברכות השחר און זיך פארמיידן פון לשון הרע, און צוזאמען האבן זיי אראפגעוואויגן די וואג-שאל לטובה".

## יעדע תפילה – א באגעגעניש מיטן קעניג

**רבי שלמה זלמן אויערבאך** פלעגט זאגן, א מענטש דארף קומען אין שול צען מינוט פארן דאווענען, און אזוי האט ער עס ערקלערט: קיינער וועט זיך נישט דערוואגן קומען צו א באגעגעניש מיטן קעניג אין דעם לעצטן מינוט און זיכער נישט שפעטיגן, און א קל וחומר אויף א באגעגעניש מיטן מלך מלכי המלכים. און טאקע אזוי, א מענטש וואס קומט פרי לייגט ער אריין אין זיין הארץ די געפיל אז יעדע תפילה איז פונקט ווי א באגעגעניש מיטן מלך מלכי המלכים ('שלמי שמחה' ח"א עמ' רכא).

## די מעלה פון קומען פרי איז מער פון דאס דאווענען זעלבסט

דער ראש ישיבה, רבי יהודה צדקה זאגט:

דער וואס איז מקפיד קומען פארן צייט פון דאווענען, דאס לערנט אונז אז ער גלוסט דינען דעם אויבערשטן, און ער קומט נישט נאר צו יוצא זיין, ווייל קומען פרי דערציילט אונז די נאטור פון דער וואס דאוונט. און די חכמים זאגן (שבת קכז א) אז דער וואס קומט פרי אין שול באקומט שוין אין עולם הזה די פירות פון די שכר, און דער קרן בלייבט לעולם הבא, כאטש אז אויף דאווענען זעלבסט טרעפן מיר נישט א הבטחה אויף אזא באלוין.

דערפאר באטאנט דוד המלך און זאגט (תהילים קיט לב): "דֶּרֶךְ מִצְוֺתֶיךָ אָרוּץ". מקיים זיין די מצוה זעלבסט לערנט אונז נישט אז דער מענטש גלוסט צו די מצוות, נאר דאס לויפן און די זריזות צו מקיים זיין די מצוות לערנט אונז אז ער וויל מקיים זיין די מצוות ('קול יהודה' ח"ב עמ' ט).

## פינף מינוט וואס טוט אויף וואונדער

א גרופע יונגעלייט בני עליה האבן זיך פארזאמלט צו איבערשמועסן מיט וואס זיי זאלן זיך מחזק זיין אין עניני תפילה. דערנאך וואס יעדער האט פארגעשלאגן א געדאנק האבן זיי באשלאסן זיך באראטן מיטן באקאנטן משגיח רבי שלמה וואלבא. דער משגיח האט באלד זיך אנגערופן: "די בעסטע עצה פאר דער וואס וויל דאווענען ווי עס דארף צו זיין, איז אז פינף מינוט פארן אנהויבן דאווענען זאל ער זיין גרייט. עס רעדט זיך טאקע נאר פון פינף מינוט, אבער דאס וועט אים צוברענגען אז דאס דאווענען וועט אינגאנצן אנדערשט אויסקוקן" (קובץ 'מי ירפא לך' עמ' קב).

> "צָרִיךְ אָדָם לְהַשְׁכִּים לַתְּפִלָּה, שֶׁאֵין לְךָ גְּדוֹלָה מִן הַתְּפִלָּה"
> (מִדְרַשׁ תַּנְחוּמָא מִקֵּץ ט)

## די וואס קומען פרי – זענען נענטערע קרובים

רבי בן ציון אבא שאול, ראש ישיבת 'פורת יוסף' פלעגט זאגן:

עס איז באקאנט אז זיך באטייליגן אין א שמחה פון א צווייטן איז געוואנדן אין די נאנטקייט פון דער וואס באטייליגט זיך מיטן בעל השמחה. די נאנטסטע פאמיליע מיטגלידער קומען פרי און גייען שפעט, און די וואס זענען ווייטער קומען שפעט און גייען פרי. אזוי איז אויך מיט לימוד התורה, וואס מער א מענטש איז פארבינדן מיט די תורה, אלס לענגער וועט ער זיצן און לערנען פון אנהויב און ביזן ענדע.

לייגט צו דער ספר 'יתגבר כארי', אז דאס זעלבע קען מען אויך זאגן וועגן תפילה: די נאנטשאפט וואס א מענטש האט צום אויבערשטן ווערט געמאסטן דורך זיין באציאונג צו די צייט פון דאווענען. ווי מער א מענטש קומט פריער אין שול און גייט ארויס שפעטער, ווייזט ער ווי נאנט און ווי געבינדן ער איז צום אויבערשטן ('יתגבר כארי' פרק ט אות ה).



# רָזֵי אֱמוּנִים

## רמזים פון אמן און מאה ברכות אין די פרשה

### ניינציג אמנים זיך צו באשיצן פון ניינציג מומים

**"כָּל אִישׁ אֲשֶׁר בּוֹ מוּם מִזֶּרַע אַהֲרֹן הַכֹּהֵן לֹא יִגַּשׁ לְהַקְרִיב אֶת אִשֵּׁי ה' מוּם בּוֹ אֵת לֶחֶם אֱלֹקָיו לֹא יִגַּשׁ לְהַקְרִיב"** (כא כא)

דער רמב"ם (ביאת מקדש ח א) רעכנט אויס ניינציג פארשידענע פעלער וואס פסל'ט דעם כהן און מען באקומט מלקות אויפן טון די עבודה אין בית המקדש.

שרייבט אויף דעם דער 'חישוקי חמד': דער רוקח (סי' שכ) שרייבט, אז די מצוה פון מאה ברכות איז כדי צו ראטעווען די אידן פון די מאה קללות. אכט און ניינציג וואס זענען אין פרשת כי תבוא, און נאך צוויי וואס זענען מרומז אין דער פסוק (דברים כח סא): "גַּם כָּל חֳלִי וְכָל מַכָּה". לויט דעם קען מען זאגן, אז דערפאר האבן די חכמים געהייסן מ'זאל ענטפערן יעדן טאג ניינציג אמנים, כדי אונז ראטעווען פון די ניינציג ערליי מומים וואס פסל'ט די כהנים (קובץ שו"ת המודפס בסוף ספר 'עלינו לשבח' ח"ג, תשובה עה).

די דורשי רשומות לייגן צו א רמז אויף דעם: "המום" איז גימטריה איין און ניינציג, אזוי ווי די גימטריה פון "אמן" ('מאורות הדף היומי' בכורות מג א).

### א שפע פון פרנסה אין זכות די מאה ברכות

**"וְהִקְרַבְתֶּם עַל הַלֶּחֶם שִׁבְעַת כְּבָשִׂים תְּמִימִם בְּנֵי שָׁנָה וּפַר בֶּן בָּקָר אֶחָד וְאֵילִם שְׁנָיִם"** (כג יח)

רבי יעקב צבי יאליש בעל 'מלא הרועים' זאגט:

זאגן מאה ברכות יעדן טאג ברענגט אראפ א שפע פון עסן און פרנסה אויף דער וועלט. די פאקט איז אויך מרומז אין דעם וואס דוד המלך וואס האט מתקן געווען די מצוה פון מאה ברכות, ווערט אנגערופן "בית הלחמי" (ראה שמואל א יז נח), ווייל אין זכות פון די ברכות וואס ער האט מתקן געווען איז דא "לחם" ברויט און שפייז. אויך אין אונזער פסוק איז דא א רמז אויף דעם: "וְהִקְרַבְתֶּם עַל הַלֶּחֶם" - אויב ענק וועלן מקריב זיין "על" ברכות יעדן טאג, וועט דער אויבערשטער ענק שיקן א שפע פון פרנסה ('קול יעקב').

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

צו די רעדאקציע פון די גיליון "וכל מאמינים".

נאכן אייך באגריסן און זיך באדאנקן אויף דעם וואונדערליכן גליון מיט איר רייכן אינהאלט, וויל איך אייך מיטטיילן מיט א שיינעם רמז וואס איז מיר ארויפגעקומען אויפן געדאנק.

אין פרשת אמור שטייט (ויקרא כב כ): "וְאִישׁ כִּי יַקְרִיב זֶבַח שְׁלָמִים לַה' לְפַלֵּא נֶדֶר אוֹ לִנְדָבָה...".

די ווארט "לִנְדָבָה" באטרעפט איין און ניינציג, אזוי ווי די ווארט "אָמֵן", און דאס איז א רמז אז דער מענטש דארף מנדב זיין פון זיין צייט צו ענטפערן "אמן" נאך די וואס זאגן ברכות השחר אין שול.

א ראי' צו דעם געדאנק טרעפן מיר אין 'תנא דבי אליהו' (רבה, פרק יא), וואס טייטש דעם פסוק (שופטים ה ב): "בְּהִתְנַדֵּב עָם בָּרְכוּ ה'" - אויף די וואס שטייען אויף פרי צו קענען ענטפערן אמן אין די שולן.

איר זאלט געבענטש ווערן אויף אייער גרויסן ארבעט צו פארשפרייטן די טייערקייט פון די ענטפערן אמן, ותהא משכורתכם שלמה מאת ה'.

מיט ערע און שעצונג.
**ישראל דוד פריינד**
**ביתר עילית**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שַׁעֲרֵי גַּן עֵדֶן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### דער רמ"א
### י"ח אייר של"ב



פון רעכט'ס איז די מצבה פון רמ"א, אין די לינקע זייט די מצבה פון זיין שוועסטער מרת מרים, אינמיטן איז די מציבה פון זייער פאטער רבי ישראל איסר.

רבי משה איסרליש, וואס איז באקאנט מיט זיין צונאמען רמ"א, איז געבוירן ארום די יאר ר"צ אין קראקא צו זיין פאטער רבי ישראל איסר, וואס איז געווען א נגיד און פון די ראשי הקהילה.

אין די הויז פון זיינע עלטערן וואס האט געדינט אלס א בית ועד לחכמים און איז געבענטשט געווארן מיט תורה וגדולה, איז דער רמ"א שטארק אויסגעשטיגן אין תורה און אין יראה. אין זיינע יונגע יארן איז ער געפארן קיין לובלין לערנען אין די ישיבה פון רבי שלום שכנא, דארט האט ער געלערנט ביז ארום די יאר ש"ט. נאכן חתונה האבן מיט די טאכטער פון זיין רבי'ן, איז דער רמ"א צוריק קיין קראקא און איז דארט אויפגענומען געווארן אלס רב אין א יונגן עלטער פון נאר צוואנציג יאר.

אין לויף פון צוויי און צוואנציג יאר איז דער רמ"א געזיצן אויף די רבנות בענקל אין קראקא. אין די יארן האט ער פארשיינט מיט זיין תורה איבעראל, ער האט מרביץ תורה געווען און אוועקגעשטעלט אסאך תלמידים, און ביזן היינטיג טאג גייען די אשכנזי'שע אידנטום אין זיינע פוס טריט.

ער האט מחבר געווען אסאך ספרים, צווישן זיי: 'דרכי משה' אויף די 'ארבעה טורים' און זיינע הגהות אויפן 'שולחן ערוך', ווען צווישן זיי האט ער צוגעלייגט פסקי הלכות און אנגעצייכנט די מנהגים פון יהדות אשכנז. די הגהות ווערן אנגערופן 'מפה', ווייל זיי זענען ווי א 'טישטוך' וואס איז אויסגעשפרייט אויפן 'שולחן ערוך'.

דער רמ"א איז נסתלק געווארן יונגערהייט, י"ח אייר - ל"ג בעומר של"ב, און איז באערדיגט אין דעם אלטן בית הקברות אין קראקא, וואס געפינט זיך אונטערן שול וואס זיין פאטער האט אויפגעבויעט און טראגט זיין נאמען - די 'רמ"א'ס שול'. די אידן אין פולין פלעגן ארויפגיין אין די מאסן צו זיין קבר אין דעם טאג פון די יארצייט און דאווענען דארטן, ווען אסאך ווערן דארט געהאלפן (ראה בספר 'תורת שמחה' אות רפד).

אויף זיין מציבה איז אויסגעקריצט: "נר המערבי, הגאון הגדול בדור, מורינו משה רועה אבן ישראל, ביום ג"ל למספר בני ישראל, גלה כבוד מישראל, משה היה רועה צאן ישראל, צדקת ה' עשה ומשפטיו עם ישראל, הרביץ תורה בישראל, העמיד תלמידים לרבבות אלפי ישראל, ממשה ועד משה לא קם כמשה בישראל".

### ענטפערן אמן איז א טייל פון די ברכה

אין ירושלמי (ברכות ז ג) ווערט געברענגט אז רבי זעירא האט געבעטן פון זיין תלמיד רבי אבא בר זמינא ער זאל אים מוציא זיין מיט זיין ברכה אויף די וויין, האט רבי אבא געענטפערט: "כמא דאנא יהב דעתי מפקא יתך ידי חובתך בברכתא, כן הב דעתך מפקא ידי חובתי באמן" [אזוי ווי איך האב אינזין דיך צו מוציא זיין מיט מיין ברכה, אזוי זאלסטו אויך אינזין האבן מיך מוציא זיין מיטן ענטפערן אמן].

לויט דעם פסק'נט דער רמ"א (או"ח קסז ב), אז "המברך יכוון לאמן שאומרים", ד.מ. אז דער וואס ענטפערט אמן זאל אינזין האבן מוציא זיין דעם מברך מיטן ענטפערן אמן, און דער מברך זאל אינזין האבן יוצא זיין די חיוב פון ענטפערן אמן דורכ'ן הערן די אמן פון די וואס ענטפערן (ראה 'דרכי נועם' ברכות מז א).

די טעם פון די הלכה ערקלערט דער רמ"א אין 'דרכי משה' (שם ד) ווייל די חיוב פון ענטפערן אמן ליגט אויך אויפן מברך, ווייל **"עניית אמן מכלל הברכה היא"**, און דערפאר כדי די ברכה זאל זיין בשלימות, דארף ער עס פארענדיגן מיט ענטפערן אמן. אבער וויבאלד מען מעג נישט ענטפערן אמן אויף א אייגענע ברכה, דערפאר דארף ער עס משלים זיין מיטן הערן די אמן אלס דער דין פון "שומע כעונה".